בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ט"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בהעלותך (בא"י שלח) תשפ"ג


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מְלָמְדוּת אָדֶער גְרָאבְּן קְוֶועלֶער?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד: דֶערְמַאן זִיךְ דַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן מְלַמֵּד, דוּ בִּיסְט יֶעדֶע וָואךְ גֶעקוּמֶען מִיר זָאגְן: **"עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר!" "אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין מְלַמֵּד"**, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הַנָאָה הָאבְּן צוּ זִיצְן אִין חֵדֶר, צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאסְט אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה', הַיינְט וָואלְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מַמָּשׁ אַ גַן עֵדֶן בַּיי דִיר אִין כִּתָּה.

עֶס קֶען זַיין אַז לוֹיט דִי 'שָׁעוֹת' אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוֹיבּ מֶען אִיז פוּנְקְט פַארְנוּמֶען מִיט נָאךְ זַאכְן, וִוי קוֹיפְן אַ הוֹיז וְכַדוֹמֶה, מֶען הָאט נִישְׁט צוּפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען כַאפְּט דֶעם מְהַלֵּךְ וִוי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער וִויל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְטוֹישְׁן מִיט גָארְנִישְׁט, וֶוער פוּן עֶנְק וָואלְט נָאךְ הַיינְט גֶעזוּכְט צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אָדֶער גְרָאבְּן קְוֶועלֶער וְכַדוֹמֶה?!

### אַרַיין לֵייגְן 'יִרְאַת שָׁמַיִם'!

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'יִרְאַת שָׁמַיִם'! אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוְון פוּן קִינְדֶער; לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט זַיין בְּרִיוו, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעמַאכְטֶע בְּרִיוו, אִיךְ קֶען דֶעם אִינְגְל. עֶר שְׁרַייבְּט מִיר: **"אִיךְ בִּין אַ צְוֶועלְף יֶערִיג אִינְגֶל אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע זַאכְן, וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט בַּיי דִי זִיבֶּעצִיג יָאר!"**

עֶר שְׁרַייבְּט מִיר: "אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט פַּאסִירְט, בַּיי דִי עֶלְף יָאר הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַן אַלְטֶע טֶעלֶעפָאן פוּן מַיין מַאמֶע, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס הָאט נִישְׁט קַיין סֶערְוִויס אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשַׁאפְט סֶערְוִויס, יֶעדֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן גֶעקוּקְט דָארְט דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט מַיינְ'ס אַ קָאזִינֶע, גָאר אַ פַארְדָארְבֶּענֶע, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט זִי אוֹיס עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז זִי גֶענְצְלִיךְ פַארְדָארְבְּן, אוּן טוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. בִּיז אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן קוּקְן שְׁמוּץ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעהֶערְט אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן 'קְדוּשַּׁת הַבְּרִית'; **מַיין טַאטֶע הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ פוּן 'קְדוּשַּׁת הַבְּרִית', קֵיינֶער הָאט מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעזָאגְט וָואס מֵיינְט קְדוּשָּׁה!"**

עֶר וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר הַאלְט נָאךְ פַאר זַיין בַּר מִצְוָה אוּן עֶר הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען אִים אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ אַ קָטָן, עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן 'קְדוּשַּׁת הַבְּרִית', אַז דָאס אִיז **דֶער עִיקָר פוּן לֶעבְּן, אוּן דָאס דַארְף מֶען אָפְּהִיטְן.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

### נָאכְאַלְץ קֶען אַזאנְס פַּאסִירְן?!

אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר וָואס אִיךְ קֶען שׁוֹין אַפָּאר יָאר, אוּן מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אוֹיף אִים: **"עֶר אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אִים נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם"**, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ וֵוייס פוּנְקְטְלִיךְ וֶוער עֶס אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר וֶועמֶען אִיךְ דַארְף נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם... יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, עֶר זָאגְט מִיר: **"בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מַיין גַאנְצֶע כִּתָּה צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן"**, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶר הָאט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אִין אַ פְרוּמֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִין דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָהְ'ס פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען אַזאנְס פַּאסִירְן?!' זֶעט אוֹיס אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָארְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה.

### רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אָפְן!

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ שַׁארְפֶע דְרָשָׁה אִין יְשִׁיבָה אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְ'ן הַאטְלֵיין, וַוייל מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלְץ וואוּ מֶען קֶען אַרוֹיסְשְׁנַיידְן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן שִׁיעוּרִים אוֹיף צוּ חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶּער פַאר אַייךְ מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאג אִיךְ: **הָאט נִישְׁט מוֹרָא; רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, גְרֵייט אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גוּט וִויסְן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן הֵיילִיג אוּן רֵיין.**

מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן יֶעדְן טָאג פוּן דֶעם, אָבֶּער מֶען דַארְף רֶעדְן, מֶען פְלֶעכְט דָאס אַרַיין שֵׁיינֶערְהֵייט אִינְמִיטְן אַ דְרָשָׁה.

נַארִישֶׁע סְקוּלְ'ס זֶענֶען פַארְעַקְשְׁ'נְט מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער "**מֶען דַארְף זַיין אֵיידְל**" אוּן שׁוֹין... בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט, מֶען דַארְף רֶעדְן אָפְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס רֶעדְן, אָבֶּער מֶען דַארְף רֶעדְן. פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער נִיצְט מֶען דִי וֶוערְטֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט טוּן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן"**, אוּן פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל מֶער: **"דָאס שְׁטֶערְט פַארְ'ן לֶעבְּן, אַז מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען נָאכְדֶעם נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן!"**

### אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף עֶנְק

אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי שְׁטֶעטְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ נֵייעֶ דוֹר אִין שְׁטֶעטְל, דִי שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה הָאט דָאךְ קִינְדֶער, וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם טוֹיזְנְט מִשְׁפָּחוֹת אוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט מִשְׁפָּחוֹת, וֶוער עֶס קֶען אַבִּיסְל נוּמֶערְן זֶעט שׁוֹין אַז דָאס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְן צוּ לַאנְג, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף עֶנְקֶער אַרְבֶּעט.

### אַ מְלַמֵּד דַארְף וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין דֶער מְלַמֵּד, אַלֶע קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֶען וִוי

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ'.

אַ מְלַמֵּד דַארְף קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ הוּט אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ הוּט. אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט, וַוייל וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט אַ הוּט, אוֹיבּ זַיין מְלַמֵּד פוּן חֵדֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אָן אַ הוּט?!

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען אִין דִי קְהִלָּה, מֶען נֶעמְט יֶעדְן אַרַיין, אָבֶער צוּ זַיין אַ 'מְחַנֵּךְ' קֶען מֶען נָאר אוֹיפְנֶעמֶען אֵיינֶער וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ אוּן קֶען זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער.

### מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין 'רֶעבִּיצִין'...

דָאס אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן סְקוּל; אִיךְ זָאג פַאר דִי מְנַהֶלֶת, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען נֶעמֶען חִיזּוּק, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אֵיינֶעם אוֹיף צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידוֹת דַארְף זִי קוּמֶען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף זַיין אַ 'רֶעבִּיצִין' צוּ זַיין עֶרְלִיךְ... אָבֶער אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אוּן זִי זָאגְט תְּהִלִּים, זִי רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאגְט: "**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער**", וֶועלְן דִי תַּלְמִידוֹת זֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין 'רֶעבִּיצִין' צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מַיין טִיטְשֶׁער גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן זִי רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זִי וֶועט זָאגְן: "**מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף אַ קְלֵייד**", "**מֶען שְׁפִּילְט נִישְׁט דִי סָארְט שְׁפִּיל**", וֶועט מֶען אִיר אוֹיסְהֶערְן.

### גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין

אַ לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין סְקוּל אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁמַאטֶעס, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַלְטֶע זַאכְן. אוֹיבּ זִי הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען דִי מוֹסָד צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי לֶערֶערִינְס שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער... וַוייל יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵייץ אוֹיסְצוּקוּקְן גוּט, אוּן אַז דִי לֶערֶערִין גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִיר, אוּן זֵיי הֶערְן אִיר אוֹיס.

בִּפְרַט בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער, וָואס וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיינֶעם הוֹיבְּן זֵיי אָן יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, מֶען כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מֶען מַאכְט יֶעצְט יֶענֶעם נָאךְ. מֶען קֶען דָאס זֶען בַּיי אַלֶע יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ; צוּמָאל קוּמֶען זֵיי אַהֵיים פוּן סְקוּל אוּן פְּלוּצְלוּנְג רֶעדְן זֵיי גֶעוִויסֶע עֶנְגְלִישֶׁע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דָאס מֵיינְט, נָאר דִי מֵיידְל הָאט פְרִיעֶר גֶעטְרָאפְן אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס הָאט גֶענוּצְט דִי וֶוערְטֶער בְּלַאבְּלְט זִי עֶס נָאךְ... דֶערְפַאר אַז אַ מְחַנֶּכֶת גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, זִי שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדֶעס קִינְד, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס זִי זָאגְט.

### מַיין 'יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים'

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** וֶוער עֶס הָאט עֶפֶּעס אַ וָוארְט צוּ זָאגְן אוֹיף דִי חֵדֶר אָדֶער סְקוּל זָאל מִיר גְלַייךְ שְׁרַייבְּן, מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מָארְגְן... אִיךְ וִויל הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט קְרִיטִיק אוֹיף דִי מוֹסָד. אִיךְ וִויל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר, אִיךְ וִויל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי יֶעדֶע פְּרַט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס מִיט דֶעם שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דָאס אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אַ זַאךְ וָואס מֶען דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: "**דָאס אִיז מַיין בֶּעבִּי**"; בַּיי מִיר אִיז עֶס דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל, - דָאס אִיז מַיין זַאךְ, מַיין 'יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים'.

אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע דוֹר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז נֶעכְטְן הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דָא אִין שְׁטֶעטְל דִי לַאוּנְטְשׁ; דִי לַאוּנְטְשׁ אִיז כָּשֵׁר, אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען גוּט גֶע'כַּשֶׁרְ'ט; וִויל אִיךְ אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס אַ וָוארְט - אֲפִילוּ קְרִיטִיק - זָאל עֶר מִיר עֶס שְׁרַייבְּן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אַז מֶען רֶעדְט קְרִיטִיק צְוִוישְׁן זִיךְ, אִיךְ וִויל מֶען זָאל מִיר זָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט קְרִיטִיק וָואס מֶען הָאט.

(עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז עֶס וֶועט צוּרִיק קוּמֶען אִין זֵייעֶר נָאמֶען, אוֹיךְ בַּאקוּם אִיךְ אַפָּאר מָאל אִימֶעילְ'ס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרַייבְּן מִיר אִין אָנְהֵייבּ מִיט גְרוֹיסֶע גֶעפַארְבְּטֶע אוֹתִיוֹת: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה"... מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס אִיךְ זָאג אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאג).

### אַ קִינְד וָואס טְרָאגְט אַהֵיים חֲפֵצִים?

אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט מִיר: וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס עֶר טְרָאגְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים חֲפֵצִים פוּן חֵדֶר?

צוּפֶעלִיג אִיז עֶס נִישְׁט מַיין קִינְד, וַוייל אִיךְ וואוֹין דָאךְ נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶער אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אוֹיךְ אַהֵיים יֶעדְן טָאג מִיט טֵייעֶרֶע חֲפֵצִים, אוּן מַיין וַוייבּ דַארְף רוּפְן יֶענֶעמְ'ס מַאמֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, אוֹיבּ אִיז עֶס אֱמֶת אַז אִיר זוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם מַתָּנָה, אַמָאל אִיז דֶער עֶנְטְפֶער אַז אִיר קִינְד זָאגְט: "**יָא, אִיךְ הָאבּ אִים עֶס גֶעגֶעבְּן וַוייל עֶר הָאט מִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט**", אוּן אַמָאל אִיז דָאס אַ נַאטוּר פוּנֶעם קִינְד אַז אַלֶע קִינְדֶער וִוילְן אִים בְּרֶענְגֶען מַתָּנוֹת; דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּער גֵיין דֶעם גְּבוּל, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, בִּילִיגֶע זַאכְן, וִוי אַ פֶעדֶער, מַארְקֶער אוּן רָאבֶּערְ'ס וְכַדוֹמֶה קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן אַ חַבֶר, אָבֶער טֵייעֶרֶע זַאכְן מוּז מֶען צוּרִיק טְרָאגְן.

### אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?

אַן אַנְדֶערֶער מְלַמֵּד פְרֶעגְט מִיר: וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?

דָאס וֶועט זַיין 'תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל' פַארְ'ן מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶע'גַנֶבְ'עֶט אַלְס קִינְד, (נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים, אָבֶער עֶס אִיז דָא מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶע'גַנֶבְ'עֶט אַלְס קִינְד פוּן זֵייעֶר מַאמֶעְ'ס לֶעדְל), וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן אוֹיסְלֶערְנֶען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה.

גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת ■

# חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פּוֹעֵלְ'ן מִיט גוּטְנְ'ס

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַרוֹיף צוּ מִיר, עֶר זָאגְט מִיר עֶר וִויל אַן עֵצָה, עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט זַיין זוּן; זַיין זוּן אִיז שׁוֹין נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ אַיין בַּיינַאכְט אִין בֶּעט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס קוּמְט פָּשׁוּט פוּן פוֹילְקֵייט אָדֶער הָאט עֶר אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט גֶע'קַנְסְ'עֶט זַיין זוּן, אַזוֹי וִוי עֶר וִויל אַ נֵייעֶ רֶעקְל אוּן אַ נֵייעֶ הוּט, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: **"כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט נִישְׁט טְרוּקְן בַּיינַאכְט בַּאקוּמְסְטוּ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ רֶעקְל אוּן נֵייעֶ הוּט; דוּ בַּאקוּמְסְט גָארְנִישְׁט פוּן מִיר וִוילַאנְג דוּ בִּיסְט נִישְׁט טְרוּקְן בַּיינַאכְט!"** עֶר פְרֶעגְט מִיר צִי דָאס אִיז טַאקֶע דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג.

זָאג אִיךְ אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם; דָאס אִיז דִי וֶועג?! דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג!"**

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: **"יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען פּוֹעֵלְ'ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, וָואלְט מֶען גְרִינְגֶער גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ'ן מִיט גוּטְנְ'ס"**. קוֹדֶם כָּל דָאס קֶען דָאךְ זַיין אַ זַאךְ וָואס דַארְף אַ רְפוּאָה פוּן אַ דָאקְטֶער, אִיז עֶר דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט שוּלְדִיג, אוּן אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז דֶער בָּחוּר אִיז טַאקֶע פָּשׁוּט פוֹיל, - פְרֶעג אִיךְ אִים: **"הָאסְט שׁוֹין עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דֶעם קְנַס?! עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין אַרִיבֶּער אַפָּאר חֳדָשִׁים אוּן עֶר אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט טְרוּקְן! אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאסְטוּ פוּן סְטְרַאשְׁן?!"** זָאגְט עֶר מִיר: **"טַאקֶע, בִּיז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן! אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ יָא טוּן?"**

זָאג אִיךְ אִים: **"אָדֶער גֵיי צוּ זַיין דָאקְטֶער, אָדֶער רֶעד צוּ אִים נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער"**.

### חִינּוּךְ – אָבֶער נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן

### קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּז מֶען מְחַנֵּךְ זַיין

דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אַ קְלֵיין קִינְד, פוּן דְרֵיי פִיר יָאר, קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּז מֶען מְחַנֵּךְ זַיין; אַלֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן מִיט זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן, אַזוֹי זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי כב, טו): "**אִוֶּלֶת קְשׁוּרָה**

# חִיזּוּק פַאר מְלַמְדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם ׳דַף שִׁיעוּר׳ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְדִים נָאכְ׳ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

### דֶער נַאטוּר פוּן זַיין אַ פִירֶער

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים שְׁטַארְקְטְס עֶנְק! אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳ אוּן ׳אֱמוּנָה׳.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז קֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. אַ מְלַמֵד דַארְף ווִיסְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז אִיךְ זָאג אָפּ דֶעם שִׁיעוּר, אוּן דֶערְנָאךְ טוּ אִיךְ צוּרִיק אָן מַיין רֶעקְל אוּן אִיךְ גֵיי אַהֵיים... אֵיינֶע פוּן דִי עֲבוֹדוֹת פוּן אַ מְלַמֵד אִיז, אִיךְ דַארְף ווִיסְן וָואס טוּט זִיךְ דָא אִין כִּתָּה, אִיךְ דַארְף ווִיסְן צִי דָא אִיז דָא אַ קִינְד וָואס פִירְט אָן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אַלֶע צִיטֶערְן פוּן אִים, אַלֶע גֶעבְּן אִים אַוֶועק דִי רִיסֶעס, וֶוען עֶר הֵייסְט קוֹיפְן נֵייעֶ שִׁיךְ קוֹיפְן זִיךְ אַלֶע נֵייעֶ שִׁיךְ, אוּן אוֹיבּ עֶר קוֹיפְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָאדֶע שִׁיךְ מַאכְן אִים אַלֶע נָאךְ. אַסַאךְ מָאל כַּאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶער מְלַמֵד אַז עֶס אִיז דָא אַזַא קִינְד אִין זַיין כִּתָּה, מֶען דַארְף דָאס נָאכְקוּקְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ טוּט דָאס נִישְׁט דֶער קִינְד אַלְס שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, עֶס קוּמְט פָּשׁוּט אַלְס נַאטוּר, דֶער נַאטוּר פוּן דֶעם קִינְד אִיז אַז עֶר אִיז אַ פִירֶער, דַארְף דֶער מְלַמֵד אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט דוּרְךְ אִים.

### רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב-ג): דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר; הָאט עֶר גֶעזֶען אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, עֶס זֶענֶען דָא שֶׁעפֶּעלֶעךְ וָואס שְׁטוּפְּן אַוֶועק אַנְדֶערֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ; דִי עֶלְטֶערֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ לוֹיפְן אַרוֹיס פוּן שְׁטַאל אוּן שְׁטוּפְּן אַוֶועק דִי יוּנְגֶע שְׁוַואכֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ, זֵיי עֶסְן אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה וָואס אִיז ווֵייךְ אוּן לָאזְן אִיבֶּער דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה וָואס אִיז הַארְט, נָאכְדֶעם וֶוען דִי יוּנְגֶע שְׁוַואכֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ קוּמֶען צוּרִיק קֶענֶען זֵיי נִישְׁט עֶסְן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה וַוייל זֵיי הָאבְן נָאכְנִישְׁט קַיין צֵיינֶער.

דָוִד הַמֶּלֶךְ׳ס הַארְץ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רַחְמָנוּת פַאר דִי שְׁוַואכֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ פַּאטֶענְט, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט בַּיים עֶפֶענוּנְג פוּן שְׁטַאל אַ בְּרֶעט מִיט אַ קְלֵיינֶע עֶפֶענוּנְג וואוּ נָאר קְלֵיינֶע שָׁאף קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיס שְׁטוּפְּן, אַזוֹי זֶענֶען קוֹדֶם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי קְלֵיינֶע שָׁאף, וָואס הָאבְן נָאכְנִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע צֵיין, אוּן זֵיי הָאבְן אָפְּגֶעגֶעסְן דִי ווֵייכֶע תְּבוּאָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אַן אַנְדֶערֶע בְּרֶעט מִיט אַבִּיסְל אַ גְרֶעסֶערֶע עֶפֶענוּנְג, פַאר דִי מִיטֶעלֶע שָׁאף וָואס הָאבְן שׁוֹין גְרֶעסֶערֶע צֵיינֶער, זֵיי זָאלְן עֶסְן פוּן דִי מִיטְלְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי גַאנְצֶע טִיר אַז דִי עֶלְסְטֶע שָׁאף וָואס הָאבְן גָאר שַׁארְפֶע צֵיינֶער זָאלְן בַּייסְן אוּן צוּקֵייעֶן דִי הַארְטֶע תְּבוּאָה אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי וָוארְצְלֶען. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר דָוִד: **״דָוִד, אִיךְ זֶע ווִי דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף שֶׁעפֶּעלֶעךְ, דוּ בִּיסְט רָאוּי צוּ זַיין דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל״.**

### רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע קִינְדֶער

אַז דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, בִּיסְטוּ רָאוּי צוּ זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל! אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד דִי מְצוּיָּינִים אוּן מַאכְט מִיט זֵיי אַ לֶעבְּן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ; נֶעם דִי קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן לֵייג אַרַיין אִין זֵיי ׳תּוֹרָה׳, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי זִיכֶערְקֵייט.

## • טְרַאכְט פוּן אַלֶע קִינְדֶער

### יֹשֶׁר אִין כִּתָּה

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז אַ מְלַמֵד כַּאפְּט זִיךְ נִישְׁט, וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט אַ שְׁאֵלָה אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הַאנְט צוּ עֶנְטְפֶערְן, וֶועט עֶר אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּנֶעם יָאר אוֹיסְוֶועלְן דִי זֶעלְבֶּע דְרֵיי פִיר קִינְדֶער זָאלְן עֶנְטְפֶערְן, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי מְצוּיָּינִים אָדֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע וֶועשׁ... בִּשְׁעַת דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער פְרֶעגְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט, אוֹיסֶער נָאכְ׳ן הֶערְן אַ דְרָשָׁה אַז מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער.

פַארְוָואס זָאל נִישְׁט זַיין יֹשֶׁר אִין כִּתָּה? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַרוּמְרִינְגְלֶען דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אֵיינִיג? מֶען קֶען דָאס מַאכְן אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס נִישְׁט כַּאפְּן, דֶער מְלַמֵד דַארְף הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶועלְכֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן וֶועלְכֶע קִינְדֶער נָאכְנִישְׁט.

### שְׁטֶעלְן גְרִינְגֶע שְׁאֵלוֹת

אוֹיךְ דַארְף מֶען ווִיסְן וָואס פַאר אַ סָארְט שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן; מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן גְרִינְגֶע שְׁאֵלוֹת וָואס יֶעדֶער קֶען עֶנְטְפֶערְן, פְּשׁוּט׳ע טְרִיקֶענֶע הֲלָכוֹת וָואס אַלֶע קִינְדֶער ווֵייסְן סַיי ווִי, אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי שְׁאֵלוֹת.

### אַ דֶערְמַאנוּנְג צֶעטְל

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע כִּתָּה פוּן אַכְצְן קִינְדֶער, אִיז מִיר גֶעוֶוען גְרִינְג צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן אֵיינִיג מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְנַהֵל, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה. צְווִישְׁן הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים קֶען פַּאסִירְן מֶען זָאל אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן גֶעווִיסֶע בָּחוּרִים, עֶס זָאל קֶענֶען דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְץ יָאר אוּן צוּ זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען אָדֶער בַּאגְרִיסְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אִינְדֶערְהֵיים אַ לִיסְטֶע ווִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְצֵייכְנְט וֶועלְכֶע בָּחוּר אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעגְרִיסְט, מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהַאט אַ מַשָּׂא וּמַתָּן, מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס, וֶוער אִיז מִיר הַיינְט גֶעקוּמֶען עֶפֶּעס פְרֶעגְן וְכוּ׳, סוֹף וָואךְ אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט דִי פָּאר בָּחוּרִים נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁייכוּת, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ דֶערְמַאנוּנְג צֶעטְל אַז מָארְגְן דַארְף אִיךְ צוּגֵיין צוּ דִי פָּאר בָּחוּרִים עֶפֶּעס פְרֶעגְן וְכוּ׳.

עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען דִי שְׁוַואכֶע בָּחוּרִים, אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס דַוְקָא דִי גוּטֶע בָּחוּרִים, עֶס קוּמְט פָּשׁוּט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, וַוייל זֵיי קוּמֶען אוּן גֵייעֶן אַלֶעס פִּינְקְטְלִיךְ אוֹיפְ׳ן זֵייגֶער, מֶען פַארְגֶעסְט אֲפִילוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּן זֵיי.

### וָואס צֵייכֶענְט עֶר?!

שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מַיין חַבֵר זָאל מִיר הֶעלְפְן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעצֵייכְנְט אִין אַ לִיסְטֶע גֶעווִיסֶע סִימָנִים בַּיי יֶעדְן בָּחוּר. אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְן מִיט גֶעהַאלְטְן ווִי עֶר צֵייכֶענְט אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט כַּאפְּן וָואס עֶר צֵייכֶענְט, וַוייל מֶען הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס הָאט נִישְׁט מִיט גוּטֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע בָּחוּרִים, צַייטְלִיכֶע אוּן נִישְׁט צַייטְלִיכֶע, וֶוער עֶס פֶעלְט אָדֶער אִיז דָא, אִיז וָואס דֶען צֵייכֶענְט עֶר?! אִיךְ פְלֶעג זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים: **״וֶוען עֶנְק וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְן וֶועל אִיךְ עֶנְק אוֹיסְזָאגְן וָואס דָאס מֵיינְט״**...

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמְ׳עֶן אַז אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען עֶר זָאל הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן מִיט וֶועם עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט, וֶועם עֶר הָאט גֶעגְרִיסְט, וֶועם עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט דִי סִימָנִים, אַ גְרָאדֶע שׁוּרָה הָאט גֶעמֵיינְט אַ גְרוּס, אַ פִּינְטְל הָאט גֶעמֵיינְט אַ שְׁמוּעֶס וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּער גֶעקוּקְט יֶעדֶע סוֹף וָואךְ, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶעדֶעס בָּחוּר הָאט כָאטְשׁ אֵיינְמָאל גֶעהַאט מִיט אִים אַ מַשָּׂא וּמַתָּן, אוּן בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט. ■

## הַמְשֵׁךְ בִּנְיָן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פַארְקֶערְט, דוּ וֶועסְט וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר שְׁטֶערְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי זָאלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת וְכוּ׳, אָבֶער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן לה): ״כַּעַס בָּא עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁאֵינוֹ כָּרָאוּי״; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען עֶפֶּעס וֶועט גֵיין קֶעגְן דַיין ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב ערה)

# בְּרִיוֹן פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אִיךְ עֶס מָרוֹר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּן מִיר עֶסְן מָרוֹר, אוּן כָאטְשׁ וָואס יֶעצְט ווילְן זֵיי הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט מִיר בִּין אִיךְ אָבֶּער נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ אַנְטְלוֹיף פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועגְן דֶעם, אִיךְ פִיל אָבֶּער אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ מָשָׁל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ. אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט צַעַר אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע צַעַר, וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מַיין זוּן נָאךְ לִיגְן אִין בֶּעט, דָאס הָאט מִיר אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַז דִי גַאנְצֶע שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען לֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה.

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס. יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט דִיר... זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן אָבֶּער אִיךְ הֵייבּ אָן פַארְשְׁטֵיין דַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין זוּן שְׁלָאפְן וְכוּ' דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר בֶּעפָאר'ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

נָאכְן לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו פַארְשְׁטֵיי אִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הִתְבּוֹדְדוּת, סִימָן ב): "עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, בָּא לְכַעַס"; זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיין זוּן שְׁלָאפְט זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס הָאט דִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט; פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק וְכוּ'.

דוּ הָאסְט מִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַז צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער דְרִיטֶער אַז עֶר גֵייט אַוֶועק גֵיין וְכוּ'; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט. קוֹדֶם כָּל וָואס הֵייסְט "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זֵיי ווילְן הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט דִיר אָבֶּער "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"; אַז דוּ בִּיסְט נִמְאָס פוּן זֵיי פַארְוָואס זָאלְן זֵיי וֶועלְן זַיין אִין שְׁטוּבּ? קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ טַאטֶע אַ כַּעְסָן.

וֶוען דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דַיין גַאנְצֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט זַיין נָאר אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת,

# הַמְשָׁךְ: חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

• חִינוּךְ – אָבֶּער נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**בְּלֶב נָעַר"**, דִי נַארִישְׁקֵייט קוּמְט מִיט'ן קִינְד פוּנֶעם גֶעבּוּרְט, אוּן: **"שֵׁבֶט מוּסָר יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ"**, דוּרְכְ'ן מְחַנֵּךְ זַיין נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן אִים.

אַ קְלֵיין קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין אַז עֶר מוּז פָאלְגְן, וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט: **"יָא"** - אִיז יָא! וֶוען דִי מַאמֶע זָאגְט: **"נֵיין"** - אִיז נֵיין! וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן: **"גֵיין"** - אִיז גֵיין! נִישְׁטָא קַיין **'ווילְסְט יָא?** אָדֶער **'ווילְסְט נִישְׁט?'** עֶס קוּמְט נִישְׁט יֶעצְט אַרַיין **'שֶׁעפֶּעלֶע', 'בּוּבֶּעלֶע'**. וֶוען אַ קִינְד פַאלְט אַרָאפּ, עֶר צֶעקְלַאפְּט זִיךְ, דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען: **"שֶׁעפֶּעלֶע", "בּוּבֶּעלֶע"**, אָבֶּער וֶוען אַ קִינְד ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן קוּמְט דָאס נִישְׁט אַרַיין, מֶען דַארְף פָאלְגְן.

אִיךְ זֶע אַז עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט גוּט דִי דְרָשׁוֹת; וֶוען מִיר רֶעדְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן מֶען דַארְף גֵיין בְּדַרְכֵי נוֹעַם, דָאס רֶעדְט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין גְרוֹיס, דַאן אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ. אָבֶּער קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין, אַ קְלֵיין קִינְד מוּז פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע.

וֵויי וֵויי פַאר טַאטֶע מַאמֶע וָואס זָאגְן: **"עֶה, מַיין קִינְד אִיז נָאךְ קְלֵיין, לָאמִיר אִים גֶעבְּן וָואס עֶר דַארְף, וָואס עֶר בֶּעט אוּן וָואס עֶר וֵויינְט"**, אַזַא קִינְד וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן אָן קַיין חִינוּךְ, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אָבֶּער דֶער קִינְד וָואס אִיז שׁוֹין פֶערְצְן יָאר אוּן מַאכְט אֵיין בַּיינַאכְט, טָאר מֶען נִישְׁט פַּיינִיגְן! דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט נַאס, טוֹישְׁט מֶען נִישְׁט זַיין בֶּעט גֶעוַואנְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ! אִיךְ קוּק אִים אָן פַארְוואוּנְדֶערְט: **"וָואס אִיז מִיט דִיר?! אָדֶער נֶעם דַיין קִינְד צוּם דָאקְטֶער, אָדֶער רֶעד צוּ אִים שֵׁיין, דָאס אִיז דִי וֶועג?! דוּ זָאגְסְט פַאר דַיין קִינְד עֶר זָאל שְׁלָאפְן אִין זַיין נַאסֶע בֶּעט אַ וָואךְ צַייט, ווִי לַאנְג עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען?! דֶער קִינְד אִיז דָאךְ שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶער קִינְד, אֵיין טָאג וֶועט עֶר אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ!"**

### נִישְׁט וֵויי טוּן אַ קִינְד

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן!** אִיר זָאלְט נִישְׁט טוּן אַזוֹי מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ קִינְד! מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ קִינְד! אוֹיבּ מֶען טוּט וֵויי אַ קִינְד אִיז מֶען עָתִיד לִתֵּן אֶת הַדִּין!

עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ דַארְף לָאזְן הֶפְקֵר מַיינֶע קִינְדֶער, נֵיין; מֶען דַארְף קַנְסְ'עֶנֶען קִינְדֶער, מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער, אָבֶּער נִישְׁט וֵויי טוּן, נִישְׁט רוּפְן מִיט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, אוּן נִישְׁט זָאגְן פַאר'ן קִינְד: **"פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין", "דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן", "קֵיינְמָאל קֶענְסְטוּ נִישְׁט", "אֵייבִּיג טוֹיגְסְטוּ נִישְׁט"**.

### וֶוען עֶר רוּפְט זִיךְ אָן אַ שְׁטוּת...

אָדֶער וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן פוּן עֶפֶּעס אַ נוֹשֵׂא, טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי נַארִישׁ, רוּף דִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָן"**, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן אַ קִינְד וֶוען עֶר רוּפְט זִיךְ עֶפֶּעס אָן אַ שְׁטוּת, פַארְקֶערְט, וֶוען עֶר רוּפְט זִיךְ אָן אַ שְׁטוּת אִינְמִיטְן אַ שְׁמוּעֶס זָאל מֶען אִים זָאגְן: **"טַאקֶע, דוּ טְרַאכְסְט גוּט אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, עֶס אִיז נִישְׁט וֶועגְן דֶעם"**, חַס וְשָׁלוֹם לַאכְן פוּנֶעם קִינְד: **"אַהָ, דוּ רֶעדְסְט שְׁטוּתִים!"**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּרַחֲמִים טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן!** זַייט מְחַנֵּךְ - אָבֶּער נִישְׁט וֵויי טוּן, לְמָשָׁל דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פָארִיגֶע וָואךְ פוּן אַ טַאטֶע וָואס זַיין קִינְד מַאכְט נַאס בַּיינַאכְט אוּן עֶר לָאזְט אִים נִישְׁט טוֹישְׁן דִי בֶּעט גֶעוַואנְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אִיז עֶר דָאךְ אַ **"ר-וֹ-צֵ-חַ!!"** דָאס הֶעלְפְט דֶען?! עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, סַךְ הַכֹּל וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אַ קִינְד וָואס וֶועט נִישְׁט זַיין טְרוּקְן אוּן וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, עֶר וֶועט נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן פַארְשֶׁעמְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט טְרוּקְן אוּן דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין יָא טְרוּקְן, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דֶעם טַאטֶע'ן: **"פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן וֶועק אִים אוֹיף! הֶעלְף אִים!"** אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאט גֶעהַאט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אֵיין יָאר אִין אוּמַאן: **"גֵיי צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אַסַאךְ מָאל אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן מִיט קִינְדֶער וַוייל סְ'אִיז דָא אַזַא גֶעדְרֶענְג, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"קְרִיךְ אַרַיין אוּנְטֶער דִי פִּיס אוּן גֵיי צוּם צִיּוּן; דוּ הָאסְט אַ פְּרָאבְּלֶעם, דוּ דַארְפְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַויין צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק!

נָאר תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיז אוּנְזֶער עֵצָה; תְּפִלָּה אִיז אוּנְזֶער גֶעוֶוער!

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזּוּק שִׁיעוּר, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן)

צוּ בַּאקוּמֶען ווֶעכֶנְטְלִיךְ דֶעם גִלְיוֹן, בִּיטֶע שְׁרַייבְּט צוּ: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876